אונזער קאמף פיהרען מיר פאר די רעכט און זיכערהייט פון די דייטשע יודען

Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייט 9) הײנט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 88 | Łódź, Czwartek, 6 kwietnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י' ניסן תרצ"ג | № 88 |
| --- | --- | --- | --- | --- |

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# א סוף מוז נעהמען צו דער אינקוויזיציע

## ענערגישע אינטערווענץ וועגען די מעשים תעתועים פון די היטלער-רוצחים

## פוילישע רעגירונג אינטערווענירט איז פעלקער-בונד

לאנדאן, 5. (יט"א טעלעגראפיש) ווי יט"א דערוואוסט זיך, וועט די פוילישע רעגירונג אויסנוצען דעם ארט. 68 פון קאנווענץ בנוגע אויבערשלעזיען, כדי אויפצוהייבען פאר'ן פעלקער-בונד די פראגע וועגען די יודען-פערפאלגונגען אין דייטשלאנד.

די פוילישע רעגירונג שטעהט אין קאנטאקט מיט איניגע גרויסמאכטען, מ'זאל זי אונטערשטיצען אין דער אקציע.

## פירען דעם קאמף ביז די יודען אין דייטשלאנד וועלען זיין גלייכבערעכטיגט

### בעשליסט דער ועד הקהלות אין ענגלאנד

לאנדאן, 5 (יט"א טעלעגראפיש)

דער דזשאינט באארד אף דעפיוטיס, האט אויפגעהויבען די פראגע, צי וואלט מען נישט געדארפט ענדערן די שטעלונג צו דייטשלאנד, נעהמענדיג אין אכט, אז דער באיקאט געגען יודען אין דייטשלאנד איז אפגעשטעלט.

ס'איז בעשלאסען געווארען סאר קיין פאל נישט אפצושוואכען די אקציע געגען דייטשלאנד אזוי לאנג, ביז די יודען אין דייטשלאנד וועלען נישט זיין פולשטענדיג גלייכבערעכטיגט.

## אנפראגע אין ענגלישען פארלאמענט וועגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד

### פארשלאג אונטערגעשריבען פון 70 בעדייטענדע ענגלישע פארלאמענטאריער

לאנדאן, 5 (יט"א טעלעגראפיש)

אין ענגלישען פארלאמענט איז איינגעטראגען געווארען א פארשלאג, אנצוהויבען א דעבאטע וועגען דער לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד.

דער פארשלאג איז אונטערגעשריבען פון 70 דעפוטאטען, דערונטער פון די בעדייטענדסטע פארלאמענטאריער.

## אמעריקאנער רעגירונג שטעהט אין קאנטאקט מיט איהר דייטשען אמבאסאדאר

### וועגען די יודען-פערפאלגונגען אין דייטשלאנד

וואשינגטאן, 5. (יט"א טעלעגראפיש) די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען שטעהט אין כסדר'דיגען קאנטאקט מיט'ן אמעריקאנער אמבאסאדאר וועגען די יודען-פערפאלגונגען אין דייטשלאנד.

## דער יודען-באיקאט איז דייטשלאנד

### אפשר אפיציעל—נישט, אבער נישט אפיציעל — יא

בערלין, 5. (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס היטלער האט אפגערופען דעם באיקאט אויף יודען, וואס איז פראקלאמירט געווארען אויף מיטוואך, איז הייגט אין גאנץ דייטשלאנד אפיציעל דער באיקאט נישט געווארען געפיהרט.

בערלין, 5. (ספ. טעל.) דער צענטראל-קאמיטעט פון די נאציאנאל-סאציאליסטען צו באקעמפען די יודען האט איבערגעזיידעלט זייער אגענטור פון'ם מיטעל-קלאס, וועלכענס זיץ איז ביז היינט געווען דער לייטונג פון הויפט-פארבאנד פאר'ן שוץ זיך אין מינכען.

## בעשלוססען פון דייטשען רעגירונגס-קאבינעט

בערלין, 5. (ספ. טעל.) אויף דער דינסטאג-דיגער זיצונג האט דער קאבינעט אנגענומען א ריי געזעצען, און צ. א. וועגען אפשאפען שחיטה אין גאנץ דייטשלאנד.

חוץ מזה איז דער אויסערן-מיניסטער בעפולמעכטיגט צו איינפיהרען אין לעבען, אין א נעהענטער צוקונפט, טעמפא צווייזייטיגע האנדעלס-אפמאכען מיט אויסלענדישע מלוכות.

לויט דער נייער פארארדנונג, איז נישט גילטיג א דעצוזיע פון רייכסטאג, נאר עס איז גענוג א פערשטענדיגונג פון'ם אויסערן-מיניסטער מיט די פאראינטערעסירטע מיניסטאריען.

עס איז אויך אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגען פערשארפען די שטראפען פאר באמבען-אטענטאטען און פאר פערברעכענס, וואס בעדראהען די געזעלשאפטליכע זיכערקייט. אין אזעלכע פאלען איז פאראויסגעזעהען טויט-שטראף.

## צוויי טויזענד יודישע פליטים אין אמסטערדאם

אמסטערדאם, 5. (יט"א טעלעגראפיש) אהער זענען אנגעקומען 2 טויזענד אנטלאפענע יודען פון דייטשלאנד.

## מ'נעמט אפ פעסער ביי די יודען

קעניגסבערג, 5. (ספ. טעל.) לויט ווי עס טיילט מיט די וואלף-ביורא, האט מען אויף דער פעראָרדנונג פון'ם פאליציי-פרעזידיום אין קעניגסבערג אפגענומען ביי אלע פריוואטע יודען די כלי זיין, בכדי אדורכצופיהרען א קאנטראלע.

## דערשאסען דריי קאמוניסטען

בערלין, 5. (ספ. טעל.) דאס קאנטר-ביורא איז מודיע, אז אין קאמיעניץ איז דערשאסען געווארען דער ארעסטירטער קאמוניסט יאראס, וועלכער האט געפרובט צו אנטלויפען.

דאסזעלבע איז געשעהען אין דיסעלדארף מיט'ן קאמוניסט בעסלער, און אין באן מיט'ן קאמוניסטישען ראטמאן, רעגא.

אין ניי-רעמאנטירטען זאל פון „מאנטיפעל" זאכאדניא 43

לאדזער יודיש קאמעראל-טעאטער „אראראט" קינסטל. לייטונג: משה בראדערזאן

צום ערשטען מאל אין לאדז! מארגען, פרייטאג, דעם 7 אפריל ד. י. צום ערשטען מאל אין לאדז!

פייערליכע פרעמיערע!

„מירי-מיראסען"

פון משה בראדערזאן און דוד הערמאן

געזאנג-שפיל אין 2 טיילען 8 בילדער

רעזשי: דוד הערמאן.

דעקאראציעס: קאראל היללער

מוזיק: הערש רובין

בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער.

ראלען-פערטיילונג:

שקר און בלאף (מאלווינא ראפעל / שיינע מרים)

שמעלקע קנעפל ש. דזשיגאן

בעריש לבכל ד. בירנבוים

חי' שרה מאשע פעטערמאן

רבי ש. גאלדשטיין

רעוואלווער (…) יואל בערגמאן

ליטוואק (…)

לעמעלע לאק (…)

מערקישע רעקלאמע (…) לילי ליאנא

שרעטעלע

רייזעלע — ליזא שלאסבערג

נעסטל-רעקלאמע ראמא שאכעט

קאנדוקטאר — יחיאל אלטמאן

